פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע זעה 3-טע זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT
פרייז 15 גראשען
היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 63 | Łódź, Wtorek, 14 marca 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, ט״ז אדר תרצ״ג | № 63
Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# אנ׳אטענטאט אויף היטלער׳ן
## געפלאנט אויסצופיהרען אין מינכען

בערלין, 13. (טעלעפאניש) פון מינכען איז מען מודיע, אז עס איז ענטדעקט געווארען א פלאן פון אן אטענטאט אויף היטלער׳ן.

דעם אטענטאט האט פראיעקטירט גראף ארקא, וועלכער איז ארעסטירט געווארען. ער האט זיך מודה געווען אין צוגרייטען דעם אטענטאט.

גראף ארקא האט בשעתו דערשאסען דעם דאמאלסדיגען דייטשען פרעמיער קורט אייזנער, וועלכער איז געווען אן אונאפהענגיגער סאציאל־דעמאקראט.

### עפענטליכע ארבייטען

ווארשא, 13. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) דעם 20. מערץ הויבט זיך אן די ערשטע סעריע עפענטליכע ארבייטען צו בעשעפטיגען ארבייטסלאזע.

אין אפריל וועלען שוין זיין בעשעפטיגט 38,000 ארבייטסלאזע און אין יוני — ביז 60,000 די ארבייטען וועלען איינעמען שאסען, ברוקען, רעגולירען טייכען א. ד. גל.

### די לעמבערגער הויך־שולען נאך נישט טעטיג

לעמבערג, 13 (טעלעפאניש)

אין דער מעדיצינישער וועטערינאר-אקאדעמיע האבען זיך נעכטען אנגעהויבען די לעקציעס. פאר׳ן בנין האבען זיך פערזאמעלט ענדעקישע סטודענטען און נישט געוואלט ארייגלאזען די צוהערער צו די לעקציעס.

מען רעכענט, אז מיטוואך וועלען זיך אויף דער אוניווערזיטעט און אויפ׳ן פאליטעכניקום אנהויבען די למודים.

### נעכטיגע סיים-זיצונג

ווארשא, 13. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) דעפ. טאמאשקעוויטש (ב. ב.) האט רעפערירט דעם געזעץ־פראיעקט וועגען ראטיפיצירען די פריינדשאפט־ און האנדעלס־טראקטאטען צווישען פוילען און אמעריקע.

נאך א דיסקוסיע איז דער פראיעקט אנגענומען געווארען אין בײדע לעזונגען.

### ? ארארא ט ?

### נייער פוילישער אמבאסאדאר אין איטאליען

ווארשא, 13. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) לויט א דעקרעט פון מלוכה־פרעזידענט איז ה׳ יעזשי פאטאצקי נאמינירט געווארען אלס פוילישער אמבאסאדאר אין איטאליען.

### די ארבייט פון סיים און סענאט

ווארשא, 13. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) דער סיים וועט אפהאלטען זיצונגען מיטוואך, דאנערשטאג און פרייטאג. עס וועלען אויך ארבייטען די סיים־קאמיסיעס.

דער סענאט וועט היינט דינסטאג אפהאלטען א זיצונג א גאנצען טאג, צוליב דעם, וואס עס דארפען ערלעדיגט ווערען די געזעץ־פראיעקטען וועגען געזעלשאפטליכער פערזיכערונג און זעלבסטפערוואלטונג און אויך 14 אנדערע געזעץ־פראיעקטען וואס דער סיים האט שוין בעשטעטיגט.

ווי מען גיט איבער וועט בקרוב שוין בעטראכט ווערען אין סיים דער רעגירונגס־געזעץ־פראיעקט וועגען פולמאכטען פאר דער רעגירונג און מלוכה־פרעזידענט, וואס וועט געוויס בעשטעטיגט ווערען דורך דער מעהרהייט.

### וויפיל פוילען איז שולדיג אמעריקא

ווארשא, 13. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) אין צוזאמענהאנג מיט די נאהענטע אונטערהאנדלונגען מיט די פעראייניגטע שטאטען וועגען רעגולירען די מלחמה־חובות, איז איצט פעסטגעשטעלט געווארען די ציפער פון די פוילישע פערפליכטונגען בנוגע אמעריקע.

עס וועט אונטערהאנדעלט ווערען וועגען א סומע פון 205 מיליאן דאלאר.

### דער נייער מלוכה - פרעזידענט פון העסען



פראפ. ד״ר ווערנער-בוצבאך (היטלעריסט)

### פערטיידיגער פון „צענטראלעוו" האבען אנגעגעבען א קאסאציע געגען אורטייל פון אפעלאציע-געריכט

ווארשא, 13. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) נעכטען האט די פערטיידיגונג פון די בעשולדיגטע אין׳ם פראצעס פון „צענטראלעוו" אריינגעטראגען א קאסאציע געגען אורטייל פון אפעלאציע־פראצעס.

קאנצעסיאנירט דורך די האנדעלס=פערטרעטונג פון ז.ס.ס.ר. אין פוילען

אויף פסח שפייז-פראדוקטען
ווי אויך מעהל און מצה=פעקלער
צו די ביליגסטע פרייזען ◆ שיקט נאך רוסלאנד
די פירמע
ס. דישקין אקצ.=געז. 8
לאדז, פיעטריקאווער
בעשטעלונגען נעהמען אויך אן אלע אונזערע פיליאלען און אבנעהמער.
1331

דאס לאנגיעהריגע בעקאנטע און רעיעלע
טוך און קארט=געשעפט
HERMAN WŁOSKI
(עקזיסטירט פון 1910)
לאדז, 3 נאוואמיעסקא 3 טעל. 114-92
פראנט 2=טער שטאק
בעזיצט אויף לאגער צום פריהלונג און זומער-סעזאן דעם גרעסטען און שענסטען אויסוואהל פון די
בייעסטע הערען און דאמען־שטאפען
אין זעמטליכע פארבען און מוסטערן פון ענגלישע, ביליצער, טאמאשאווער סחורות א. א. — נעגויע פאבריקס = פרייזען!
געדענקט די אדרעס! קומט און איבערצייגט אייך!
רעיעלע בעהאנדלונג!
3 3 3 3

א בשורה טובה פאר מיינע געעהרטע שפילער!
אין 2-טען ציהונגס-טאג פון דער 5-טער קלאס פון דער פוילישער מלוכה-לאטעריע איז געפאלען דאס גרויסטע געווינס פון
10.000 זל. אויף נומער 60939
אין מיין איבערצאל-בעוואוסטער און גליקליכער קאלעקטור פון
I. H. LITTMAN
32 פיעטריקאווער 32 טעל. 144-72
וואו עס זענען א סך פאמיליעס שוין גליקליך געווארען. א גאנץ קליינע צאהל גליקליכע לאסען צו דער איצטיגער 5-טער קלאס נאך צו בעקומען. כל הקודם זוכה!
1324

איידער איהר גיהט פערקויפען
אלד, זילבער, בריליאנטען, ביזשוטעריע
קינסטליכע גאלדענע ציינער און לאמבארד-קוויטעס, קויף איך און צאהל די העכסטע פרייזען
ג
בימע בעזוכט מען געשעפט
L. Korzeń, Pomorska 26.

Dr. Wajnberg
ספעצ. פון לונגען- הארץ-און סקלעראז-קראנקה.
ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02
נעמט אן פון 9–10 פריה, 3–4 און 8–9 אוונד.

אחרי מחלה כבדה וממשכה נפטרה והלכה לעולמה האשה הכשרה המצויינת בכשרונותיה ובמעשיה הטובים
נ. ע.
טאבא ציריל גוטער
אשת ר׳ איטשע מאיר נ״י
(בת ר׳ אברהם בוכוויץ ז״ל)
בשנת ס״ז לימי חי׳.
הלויתה למנוחת עולמים תהי׳ היום ביום ג׳ פרשת תשא (14. מערץ 1933) בשעה 11 בבוקר ממעונה רחוב פאלנאצנא 12.
השרוים מצער עמוק בעלה, בניה, בנותיה, חתניה, נכדיה, ניניה וכל משפחתה.

